בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

ויקרא תשפ"ג
גליון 116

דער ריינער קוואל



**אַייערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,

מֶען לֶערְנְט אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת אוֹיף דִי אַלֶע צֶען נִסְיוֹנוֹת וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, יֶעדֶער נִסָּיוֹן אֵיינְס שְׁוֶוערֶער פוּן דָאס אַנְדֶערֶער, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן "עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ, וְעָמַד בְּכֻלָּם" אָבֶּער דֶער שְׁפִּיץ פוּן דִי נִסְיוֹנוֹת אִיז גֶעוֶוען דֶער נִסָּיוֹן פוּן דֶער עֲקֵדָה, וָוען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט גֶעהֵייסְן פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ: "גֵיי, נֶעם דַיין קִינְד אוּן בְּרֶענְג אִים אַרוֹיף פַאר אַ קָרְבָּן עוֹלָה" אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מְהַרְהֵר גֶעוֶוען אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

ר' נָתָן בְּרֶענְגְט אַז דִי מְפָרְשִׁים פְּרֶעגְן דִי קַשְׁיָא, וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע אִיבֶּערַראשׁוּנְג אִיבֶּער דֶער נִסָּיוֹן פוּן דֶער עֲקֵדָה? לוֹיט דָאס גְרוֹיסֶע צִדְקוּת אוּן גֶעטְרַייִשַׁאפְט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז עֶס נִישְׁט אַזַא נִסָּיוֹן, וַוייל לִכְאוֹרָה קֶענֶען אֲפִילוּ פְּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן שְׁטֵיין אִין אַזַא נִסָּיוֹן וָוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי קְלָאר אַרוֹיסְזָאגְן צוּ גֵיין שֶׁעכְטְן זֵייעֶר בֵּן יָחִיד וֶועט לִכְאוֹרָה אֲפִילוּ אַ פְּשׁוּטֶ'ער אִיד פָאלְגְן אַזַא קְלָארֶע בַּאפֶעל.

זָאגְט ר' נָתָן אַז דֶער עִיקָר נִסָּיוֹן פוּן דֶער עֲקֵדָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ שֶׁעכְטְן זַיין אֵייגֶענֶעם קִינְד, דֶער עִיקָר נִסָּיוֹן אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעטְרַאכְט נָאךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס מִדּוֹת, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ טַייטְשְׁט אוֹיפְן פָּסוּק "כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי" "אָמַר ר' אַבָּא: "אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, 'אֲפָרֵשׁ לְפָנֶיךָ שִׂיחָתִי', אִיךְ וִויל זִיךְ מִיט דִיר אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן! אֶתְמוֹל, נֶעכְטְן הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַ צוּזָאג אַז 'בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע' אִיךְ וֶועלְן הָאבְּן קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אַ גַאנְצֶע אִידִישֶׁע פָאלְק - כְּלַל יִשְׂרָאֵל דַוְקָא פוּן יִצְחָק אוּן שְׁפֶּעטֶער זָאגְסְטוּ מִיר אִיךְ זָאל אִים נֶעמֶען אוּן בְּרֶענְגֶען פַאר אַן עוֹלָה? אוּן יֶעצְט זָאגְסְטוּ מִיר 'אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר, אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט צוּרִירְן." [דָא אִיז אַ מָקוֹר וִוי מֶען זֶעט אַז אַבְרָהָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג.]




זָאגְט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֵייסְן דוּ זָאלְסְט אִים שֶׁעכְטְן! אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעהֵייסְן בְּרֶענְגֶען פַאר אַן עוֹלָה". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר נִסָּיוֹן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט מְהַרְהֵר זַיין אוֹיפְן

המשך אויף זייט 7

# צֶעשְׁפְּרֵייטְן אִידִישְׁקַייט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ (המשך)

ר' חַיִּים בִּנְיָמִין בְּרָאד הָאט שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי מֶען קֶען מְזַכֶּה זַיין דֶעם רַבִּים. "מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד מִיט אַ גָאלְדֶענֶע הַארְץ," שְׁטֶעלְט אִים דֶער זוּן פָּאר, "קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז אִים נִישְׁט שְׁוֶוער גֶעוֶוען, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ טוֹבָה צוּטוּן פַאר אַ אִיד. וֶוען עֶר הָאט בַּאגֶעגְנְט אַ אִיד, אִיז זַיין עֶרְשְׁטֶע דַאֲגָה גֶעוֶוען, וְוִיאַזוֹי הֶעלְפְט מֶען דֶעם אִיד הָאבְן אַ כָּשֵׁר'ן קָאך, לֵייגְן מְזוּזוֹת, מַאכְן זִיכֶער אַז דֶער אִיד לֵייגְט תְּפִלִּין טֶעגְלִיךְ, זַיין גְרֶעסְטֶע גְלִיק אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט גֶעלֵייגְט תְּפִלִּין פַאר אַ אִיד. אַ צוּפְרִידְנְהֵייט פוּל מִיט פְרֵייד הָאט אִים בַּאנוּמֶען וֶוען עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם אִיד אַרוֹיפְדְרֵייעֶן דִי רְצוּעוֹת פוּן דִי תְּפִלִּין אוֹיף זַיינֶע הֶענְט אוּן אוֹיפְן קָאפּ. לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן, מֶען רֶעדְט דָא פוּן רוּסְלַאנְד פוּן יֶענֶע צֵייטְן.

צוּמָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר הָאט פַארְלָאזְט דָאס הוֹיז אוּן זִיךְ פַארְזוּימְט אִין מָאסְקֶעוֶוע. עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַרוּמְפָארְן פוּן אֵיין עֶק מָאסְקֶעוֶוע בִּיזְן צְוֵוייטְן צוּ אַיינְהַאנְדְלֶען אַ הִינְדְל, טְרָאגְן צוּם שׁוֹחֵט אוּן דָאס בְּרֶענְגֶען צוּ אַ אִידִישֶׁע הוֹיז, אַז דֶער קָאך זָאל זַיין כָּשֵׁר. פַאר אַזֶעלְכֶע גֶעבְּרוֹיכְן הָאט עֶר אִינְוֶועסְטִירְט אוּמֶערְמִידְלִיכֶע כּוֹחוֹת."

"מַיין טַאטֶע הָאט גֶעשְׁפָּארְט אַ פְּרוּטָה אוֹיף אַ פְּרוּטָה," פַארְצֵיילְט זַיין טָאכְטֶער, רֶעבֶּעצִין שָׂרָה לֶעבְקִיוְוקֶער, " מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעקוֹיפְט תְּפִלִּין, מְזוּזוֹת, צִיצִית אוּן סִדּוּרִים. אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער דִי וֶועגְן אוּן שְׁטֶעגְן, וואוּ אִימֶער עֶר הָאט בַּאגֶעגְנְט אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אָן קַיין מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר, הָאט עֶר אוֹיפְן אָרְט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן טַאשׁ



אַ מְזוּזָה אוּן גֶעשָׁאנְקְן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, עֶר זָאל עֶס אַרוֹיפְלֵייגְן. אַזוֹי מִיט אַנְדֶערֶע תַּשְׁמִישֵׁי קְדוּשָׁה, אוֹיבּ דֶער אִיד הָאט גֶעהַאט צוּ צָאלְן הָאט עֶר דָאס פַארְקוֹיפְט, אוֹיבּ הָאט עֶר דָאס בִּיסְל אוֹיךְ נִישְׁט פַארְמָאגְט, הָאט ר' חַיִּים בִּנְיָמִין דָאס גֶעשָׁאנְקְן אוּן נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט אַ מַטְבֵּעַ פַאר צְדָקָה..."

ראֹשׁ הַשָּׁנָה צְווִישְׁן דִי וֶוענְט פוּן תְּפִיסָה

נִישְׁט אֵיינְמָאל אִיז ר' חַיִּים בִּנְיָמִין אַרַיינְגֶעשְׁלֵיידֶערְט גֶעוָוארְן אִין תְּפִיסָה פַארְן זִינְד פוּן זַיין דְבוּק אִין בַּאשְׁעפֶּער'ס מִצְווֹת. ראֹשׁ הַשָּׁנָה תרצ"ה, אַנְשְׁטָאט צוּ זִיצְן צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט בַּיים הֵיילִיגְן קִבּוּץ, הָאט עֶר פַארְבְּרֶענְגְט צְווִישְׁן דִי וֶוענְט פוּן דִי תְּפִיסָה קֶעלֶערְן. אִין אַ בְּרִיוו וָואס ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער שְׁרַייבְּט פוּן אוּמַאן, צוּ זַיין שְׁוָואגֶער, ר' הִירְשׁ לֵייבּ לִיפֶל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִינֶעם טָאג ה' תִּשְׁרֵי תרצ"ה, פַארְצֵיילְט עֶר וֶועגְן זַיין

המשך אויף זייט 4

# איין מעשה'לע



*דער באַשעפער באַווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

אִיךְ הֵייס שְׁלֹמֹה. אִיךְ לֶעְרְן אִין כִּתָּה ו'. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי מַעֲשֶׂה'לֶעךְ אִין דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט יֶעדֶע וָואךְ עֶס גֶעבְּט מִיר חִזּוּק צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה אִיז דִי זַאךְ!

אֵיין טָאג וֶוען מַיין מַאמֶע הָאט אָנְצִינְדֶען דִי הֵייס וַואסֶער הָאט זִי בַּאמֶערְקְט אַז דִי וַואסֶער אִיז פָּשׁוּט קַאלְט. זִי רִיקְט רֶעכְטְס, לִינְקְס, לָאזְט דִי וַואסֶער רִינֶען אָבֶּער קֵיין הֵייס וַואסֶער קוּמְט נִישְׁט. וָואס טוּט מֶען? מֶען בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְנָאךְ קְלִינְגְט מֶען אָן אַן אַרְבֶּעטֶער זָאל קוּמֶען זֶען וָואס דָא טוּט זִיךְ.

עֶר קוּמְט אַרָאפּ אוּן בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז דֶער בּוֹילֶער אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן מֶען דַארְף בַּאשְׁטֶעלְן עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקְל פוּן דִי קָאמְפַּאנִי.

קוֹדֶם הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער אַז מֶען קֶען עֶס פַּארֶערְכְטְן, מֶען דַארְף נִישְׁט בַּאשְׁטֶעלְן אַ גַאנְצֶע נַייעֶ בּוֹילֶער וָואס קָאסְט זֵייעֶר טַייעֶר. אָבֶּער אֵיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז גֶעוֶוען אַז עֶס גֶעדוֹיעֶרְט זֵייעֶר לַאנְג, בְּעֵרֶךְ עֶטְלִיכֶע וָואכְן אָדֶער אֲפִילוּ צְוֵויי חֳדָשִׁים, בִּיז אַ חֵלֶק קוּמְט אָן, ווייל זֵיי שִׁיקְן עֶס פוּן 'טְשַׁיינָע' [סִין].

וָואס טוּט מֶען? וִוי קֶען מֶען זַיין אַזוֹי לַאנְג אָן הֵייס וַואסֶער? אֶפְשָׁר זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פוּן דִי דִּירָה אַז מִיר מוּזְן הָאבְּן אַ נַייעֶ בּוֹילֶער? וַוייטֶער תְּפִלָּה. מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אוֹיף אַ גְרִינְגֶע אוֹפָן.

מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אוּנְזֶער שָׁכֵן הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט זַיין בּוֹילֶער, עֶר הַאלְט אִין אֵיין רוּפְן אַ בַּעַל מְלָאכָה. זֵיי בַּאשְׁטֶעלְן דֶעם חֵלֶק אוּן יֶענֶע חֵלֶק אִין אַ פְּרוּאוו צוּ רַאטֶעוֶוען זֵייעֶר בּוֹילֶער. 'אֶפְשָׁר הָאט עֶר פּוּנְקְט דֶעם חֵלֶק וָואס מִיר דַארְפְן?' הָאט מַיין טַאטֶע גֶעקְלֶערְט.

מַיין טַאטֶע קְלִינְגְט אִים אָן אוּן יָא, עֶר הָאט פּוּנְקְט דֶעם חֵלֶק וָואס מִיר דַארְפְן. עֶר קֶען עֶס זֵייעֶר גֶערְן פַּארְלַייעֶן אָבֶּער עֶר זָאגְט אוּנְז קְלָאר אַז זַיין בּוֹילֶער אַרְבֶּעט אוֹיף אַ הָאר, אוֹיבּ עֶר וֶועט דַארְפְן דֶעם חֵלֶק וֶועלְן מִיר עֶס אִים מוּזְן גְלַייךְ אָפְּגֶעבְּן.

קוֹדֶם אֵיין פְּרָאבְּלֶעם גֶעלֵייזְט. דֶער בַּעַל מְלָאכָה אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אוּן פַּארֶערְכְטְן אוּנְזֶער בּוֹילֶער, מִיט דֶעם שָׁכֵנְ'ס חֵלֶק אוּן גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער פוּן אוֹיבְן, אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין הֵייס וַואסֶער. יֶעצְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייעֶ תְּפִלָּה, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דֶעם שָׁכֵנְ'ס בּוֹילֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן נָאךְ פַאר דִי נַייעֶ חֵלֶק קוּמְט אָן פוּן 'טְשַׁיינָע'.




וַיְהִי הַיּוֹם, דֶער שָׁכֵן הָאט פַּארְדִינְגֶען זַיין דִּירָה אוֹיף סֻכּוֹת אוּן דֶער גַאסְט קְלִינְגְט אִים אָן

המשך אויף זייט 4

## רבי'נס מעשיות

המשך פון זייט 2

לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אוּן וֶועגְן ר' חַיִּים בִּנְיָמִין וָואס זִיצְט אִין תְּפִיסָה:

"אִיךְ ווִיל אַייךְ שְׁרַייבְּן וֶועגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ דֶערְמַאנְט עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן, בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן אוֹיךְ בַּיים עֶסְן, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען דָא דַיינְס אַ מְקוֹרָב פוּן שְׁטָאט 'קָאלָאשִׁי', זַיין נָאמֶען אִיז גַבְרִיאֵל, לֵייבְּל קֶען אִים גוּט, דוּ פְלֶעגְסְט עֶסְן בַּיי אִים, עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ דַיינֶע דִיבּוּרִים.

"בָּרוּךְ ה' עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע נַייעֶ מְקֹרָבִים, מִיר הָאבְּן גֶעלוֹיבְּט גָאט, גוּט גֶעטַאנְצְן, אוּן גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי אַלֶע יָארְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן צִיּוּן, דֶער רֶבִּי זַ"ל זָאל אוֹיסְפִירְן וָואס עֶס לִיגְט אוֹיף אִים צוּ טוּן. דִי אַלֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּסּוּפִים פוּן דִי אַלֶע עֶרְטֶער ווִי מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה – וֵוייסְט אוֹיךְ דֶער רֶבִּי זַ"ל, אַ בְּחִינָה פוּן 'וְלוֹקֵחַ נְפָשׁוֹת חָכָם'.

"...מַיין טַייעֶרֶע שְׁוָואגֶער, אִיךְ טְרַאכְט עֵצוֹת, אוּן בֶּעט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וַוייל מִיר שְׁלֶעפְּן נָאךְ אַבִּיסְל דִי שְׁוֶועריִגְקֵייטְן, אָבֶּער דִי קִינְדֶער... אוֹי אוֹי! בִּיטֶער! זֵייעֶר בִּיטֶער, זֶע וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שׁוֹין צוּשֶׁנְדִיגְן.

זַיי מִתְפַּלֵּל פַאר חַיִּים בִּנְיָמִין, עֶר זִיצְט אִין תְּפִיסָה אוּן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה." "פִיר מֶענְטְשְׁן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ זִיצְן אִין טוּרְמֶע: הָרַב מָאסְטֶער, שְׁמוּאֵל אֱלִי', חַיִּים בִּנְיָמִין אוּן נַחְמָן לוּבֶּערְסְקִי – אַ בְּרוּדֶער פוּן יִשְׂרָאֵל. דָאס אַלֶעס אִיז אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע תְּפִיסָה, אָבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת זֶענֶען לֵיידֶער אַסַאךְ פַארְכַאפְּט אִין דִי טוּרְמֶעס!"

*פָארְזֶעצוּנְג בעז"ה אִין קוּמֶענְדִיגֶע רֶבִּינְ'ס לִיכְט. לֵיינְט ווִי ר' חַיִּים בִּנְיָמִין כַאפְּט אַ טֶענְצְל אִין תְּפִיסָה!*

## איין מעשה'לע

המשך פון זייט 3

אַז----- ס'אִיז נִישְׁטָא קֵיין הֵייס וַואסֶער! עֶר קְלִינְגְט גְלַייךְ אָן מַיין טַאטֶע זָאגְן אַז עֶר דַארְף צוּרִיק זַיין חֵלֶק וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעבָּארְגְט.

אוֹי וֵויי! אוֹיבּ דֶער חֵלֶק אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען וֶועלְן מִיר דַארְפְן גֶעבְּן אַ נַייעֶ בּוֹילֶער פַאר דֶער שָׁכֵן. מַיין טַאטֶע הָאט שְׁנֶעל אָנְגֶעקְלִינְגֶען דֶעם בַּעַל מְלָאכָה צוּ פְרֶעגְן וָואס ס'טוּט זִיךְ מִיט דֶעם חֵלֶק וָואס עֶר הָאט בַּאשְׁטֶעלְט וַוייל מִיר דַארְפְן עֶס קְרִיטִישׁ ווִיכְטִיג הָאבְּן. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיבֶּערְקוּקְן אוּן גֶעזֶען אַז דֶער חֵלֶק אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען. מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אוֹיף דֶעם נֵס. דֶער בַּעַל מְלָאכָה אִיז גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוּן אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דֶעם נַייעֶם חֵלֶק אוֹיף דֶעם שָׁכֵנְ'ס בּוֹילֶער. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גְרוֹיסֶע גֶעלְט שָׁאדְן!

# דעם רבינ'ס דאווענען

## בשורה טובה

## פאר אלע טייערע קינדער

לאור די הצלחה פון לעצטע וואך שבת אינדערפרי, ווען גאר
אסאך קינדער האבן זיך מעורר געווען און געקומען צייטליך
דאווענען נאך פאר הודו,
זענען מיר ממשיך בעזר השם אויך די וואך

## מיט א שיינע גורל

פאר אלע קינדער וואס הייבן אן דאווענען שבת אינדערפרי פאר הודו.

מיר האפן אויף די קומענדיגע וואכן אז אלע קינדער וועלן
זיך קענען קלייבן נקודות פארן אנהייבן דאווענען
צייטליך, און ווען מען קומט אן צו 25 נקודות
**וועלן אלע קינדער באקומען א מתנה בעז"ה.**

בילד איז נאר פארצושטעלן



## "גאר מיין זאך איז תפלה"

דער עיקר איז וואס דער הייליגער רבי האט אונז אויסגעלערנט
מען זאל אויף יעדע זאך בעטן פון באשעפער, וועלן מיר אויך
מתפלל זיין צום באשעפער מען זאל האבן א געשמאק אין דאווענען און זיין
צייטליך אלעמאל אין שול, צו קענען מאכן
א נחת פארן אויבערשטן.

**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72**
**אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער**
**"גאר מיין זאך איז תפלה".**

# יְשׁוּעוֹת בַּיים זִינְגֶען זְמִירוֹת

ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער דֶערְצֵיילְט: אִיךְ גֶעדֶענְק אִין אוּמַאן, ס׳אִיז גֶעוֶוען אַמָאל פְרַייטָאג צוּ נַאכְט נָאכְן דַאוֶוענֶען, אִיז צוּגֶעקוּמֶען אֵיינֶער - וָואס זַיין קִינְד אִיז לֵיידֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט - אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ ר׳ שִׁמְשׁוֹן בַּארְסְקִי ז״ל, דֶער אִיד הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן ר׳ שִׁמְשׁוֹן אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען, צוּ ר׳ גֶעצֶע, אוּן בֶּעטְן פוּן ר׳ גֶעצֶע זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין דָאס קִינְד זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט.




הָאבְּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד:

אַז מֶען ווִיל הָאבְּן אַ רְפוּאָה דַארְף מֶען זֶען וָואס מֶען דַארְף יֶעצְט טוּן אִין דִי צַייט אוּן בַּיי דִי זַאךְ זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין אוּן דָאס טוּן מִיטְן הַארְץ קֶען מֶען דַאן פּוֹעֶלְ׳ן אַ רְפוּאָה.

"נוּ אִיצְטֶער דַארְפְן מִיר זוּכְן דִי רְפוּאָה בַּיי דִי 'זְמִירוֹת' פוּן שַׁבָּת, בַּיים 'קִדּוּשׁ' פוּן שַׁבָּת - דַארְפְן מִיר אִיצְטֶער זוּכְן דִי רְפוּאָה!",

דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶעס מָאל קֶען מֶען פּוֹעֶלְ׳ן אַ יְשׁוּעָה בַּיי דִי זַאךְ וָואס מֶען טוּט יֶעצְט, לְמָשָׁל אַז מֶען דַארְף יֶעצְט בֶּענְטְשְׁן לִיגְט דָארְט דִי יְשׁוּעָה, אַז מֶען דַארְף יֶעצְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אָדֶער זָאגְן עַל הַמִּחְיָה דַארְף מֶען זִיךְ דָארְט מְקַשֵּׁר זַיין אוּן דָאס טוּן מִיט אַן אֱמֶת, קֶען מֶען דַאן פּוֹעֶלְ׳ן וָואס מֶען ווִיל.

לָאמִיר טַאקֶע אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען שֵׁיין זְמִירוֹת שַׁבָּת אוּן פּוֹעֶלְ׳ן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, גוּט שַׁבָּת"

**א שטיקל ליקוטי תפלות** (חלק שני ל׳)

## "נִישְׁ אִיבֶּער טְרַאכְטְן אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנס מִדּוֹת"

בַּאשֶׁעפֶּער, דֶערְבַּארִים זִיךְ אוֹיף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן מְנִיעוֹת הַמֹּחַ, דָאס זֶענֶען אַלֶע קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוּן צֶעמִישֶׁענִישְׁן וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֹחַ צוּ אִיבֶּער טְרַאכְטְן אוֹיף דִי צַדִּיקִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן פוּנֶעם דוֹר, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם צוּ נָאכְטְרַאכְטְן נָאךְ דַיינֶע מִדּוֹת, אַזֶעלְכֶע סָארְט מְנִיעוֹת פוּן מֹחַ זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע מְנִיעוֹת פוּן אַלֶע מְנִיעוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

ווַייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ זֶענֶען שְׁטַארְק אוּן פֶּעסְט אִין דִי אֱמוּנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אוּן אִין זַיינֶע אֱמֶת׳עַ צַדִּיקִים אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קֵיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְג וָואס זָאל אִים אָפְּהַאלְטְן, אוֹיבּ אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם דִי מֹחַ אוּן הַארְץ זֶענֶען אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער אוּן פוּן דִי צַדִּיקִים אוּן עֶס דְרִינְגֶען אַרַיין אִין הַארְץ קֻשְׁיוֹת אוֹיף זֵיי, דָאס זֶענֶען דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מְנִיעוֹת.

דֶעריבֶּער קוּם אִיךְ צוּ דִיר שְׁרֵייעֶן אוּן אוֹיסְרוּפְן מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי, ווַייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען, דֶערְפוּן, נָאר צוּ שְׁרֵייעֶן צוּ דִיר " אֵלֶיךָ ה׳, אֶקְרָא וְאֶל ה׳ אֶתְחַנָּן, שְׁמַע ה׳ קוֹלִי אֶקְרָא, וְחָנֵּנִי וַעֲנֵנִי".

המשך פון זייט 1

אויבֶּערשְׁטְן, נָאר עֶר הָאט גֶעפָּאלְגְט וָואס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אִים גֶעבֶּעטְן. זַיין עִיקָר נִסָּיוֹן אִיז גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פָּאלְגְן אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט, 'גֵיי שֶׁעכְטְן', אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

שְׁפֶּעטֶער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּקְרָא אַבְרָהָם שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא ה' יִרְאֶה אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם בְּהַר ה' יֵרָאֶה (בראשית כב, יד)", טַייטְשׁ ר' נָתָן אַזוֹי: 'אַלֶע אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, הָאבְּן גֶעזֶען אַז דֶער סוֹף אוּן דֶער תִּקְוָה וֶועט זַיין נָאר וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, 'וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק', אַבְרָהָם הָאט גֶעזֶען פוּנְדֶערְוַוייטְנְס – מִיט אַזַא סָארְט וַוייטֶע קוּק אַז עֶס גֵייט קוּמֶען אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מֶען וֶועט בְּרֶענְגֶען דָארְט קָרְבָּנוֹת, עֶס וַוארְט אוּנְז אָפּ אַ גְרוֹיסֶע תִּקְוָה, אָבֶער עֶר הָאט עֶס גֶעזֶען מֵרָחוֹק, אַ וַוייטֶער אוֹיסְקוּק, נִישְׁט וואוּסְנְדִיג וֶוען עֶס וֶועט שׁוֹין קוּמֶען.

זָאגְט ר' נָתָן דָאס זֶעלְבֶּע גֶעשֶׁעט בַּיי יֶעדְן אִיד, קֵיינֶער וַוייסְט נִישְׁט קְלָאר וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועט וֶועט קוּמֶען מַיין אֵייגֶענֶע גְאוּלָה, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בִּשְׁלֵמוּת, אַ גַאנְצֶער פְרֵיילִיכֶער אִיד, טוּן דִי מִצְוָה מִיט גַאנְצְקֵייט אוּן פְרֵייד, קֵיינֶער וַוייסְט נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה אַחֲרוֹנָה בִּכְלָלִיּוּת אוּן בִּפְרָטִיּוּת אָבֶער אֵיין זַאךְ וַוייסְן מִיר קְלָאר "עֶס אִיז אוּנְז קְלָאר אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען!! עֶס אִיז קְלָאר אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ גְאוּלָה!! אֲפִילוּ עֶס אִיז דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען וֶועט עֶס קוּמֶען מָארְגְן, דֶערְפַאר רוּפְט אַבְרָהָם דָאס פְּלַאץ פוּן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ "ה' יִרְאֶה" נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אוּן וַוייסְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער סוֹף פוּן דֶער גָלוּת, אָבֶער מִיר טָארְן נִישְׁט מַאכְן קֵיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹנוֹת, מִיר דַארְפְן טוּן אוּנְזֶערְס יֶעדְן טָאג, זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס אוּן טוּן מִצְוֹת אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט קוּמֶען דִי גְאוּלָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אַז ר' יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט גֶעטְרָאפְן מָשִׁיחַ אוּן גֶעפְרֶעגְט: "אֵמָתַי קָאתֵי מַר, וֶוען וֶועסְטוּ קוּמֶען מָשִׁיחַ?"

הָאט מָשִׁיחַ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הַיּוֹם – הַיינְט",

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס טְרֶעפְט אִים ווידֶער ר' יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אוּן פְרֶעגְט: בִּיזְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען?"

זָאגְט מָשִׁיחַ: "נֵיין, הָאסְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען מַיין כַּוָּונָה, 'הַיּוֹם' אִם בְּקוֹלוֹ תִּשְׁמָעוּ, יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אַזוֹי אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיין עֲבוֹדַת ה' אִיז עֶר מְקָרֵב דִי גְאוּלָה פוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג.

צוּם סוֹף וֶועלְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אַלֶע 'חֶלְקֵי מָשִׁיחַ' פוּן אַלֶע אִידְן דוּרְךְ דִי צַדִּיקִים וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, 'הַיּוֹם בְּקוֹלוֹ תִּשְׁמָעוּ' מִיט דִי עֲבוֹדוֹת פוּן יֶעדְן טָאג פוּן אַלֶע אִידְן וָואס דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז פְּשַׁט, ה' יֵאָמֵר 'הַיּוֹם', יֶעדְן טָאג אוּן טָאג וָואס אַ אִיד טוּט דִי מִצְוֹת אִיז עֶר מְקָרֵב דִי גְאוּלָה בִּיז צוּם סוֹף וֶועלְן אַלֶע תְּנוּעוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים אוּן פוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל מְקָרֵב זַיין דֶעם לֶעצְטְן גְאוּלָה אוּן מִיר אַלֶע וֶועלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק דֶערִין אוּן זוֹכֶה זַיין הֲנָאָה צוּ הָאבְּן פוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב מַמָּשׁ זָאל מְקֻיָּם וֶוערְן אַלֶע הַבְטָחוֹת פוּן דֶער וָואכֶעדִיגֶער פַּרְשָׁה, דִי גְאוּלָה הַקְּרוֹבָה זָאל שׁוֹין קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# ~ דִי צֶענְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט




# דער בערגער און דער אריימאן 4

הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְּן דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶלֶךְ הַנַּ"ל אוּן אִיז גִיפָארִין אַהִין תֵּיכֶף אוּן אִיז אַהִין גִיקוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט פוּן דֶער בַּת קֵיסָר הַנַּ"ל דְהַיינוּ דִי יְפַת תּוֹאַר אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ שִׁיר.

**אוּן הָאט אַיין גִיזֶעצְט** אִין דֶער שִׁיר מִיט חָכְמָה דִי אַלֶע עֶרְטֶער דְהַיינוּ **דִי זִיבְּן עֵדוּת** הַנַּ"ל (דְהַיינוּ דִי זִיבְּן אִירְלֵיי וַואסֶערְן וָואס דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער עִיקָר סִימָנִים וָואס זִי הָאט גִיהַאט אִין אִיר חָתְן כַּנַּ"ל) לוּשְׁמִיר וֶועדְלִיק דֶער חָכְמָה פוּן דֶעם שִׁיר. **אִיז אִים אוֹיס גִיקוּמֶען דִי זִיבְּן עֶרְטֶער נִיט כְּסֵדֶר** (דְהַיינוּ לְמָשָׁל עֶר הָאט בַּאדַארְפְט צוּ זָאגְן פְרִיר דֶעם גְרוּבּ אוּן דֶער נָאךְ דִי מִקְוֶה וְכוּ' אוּן עֶר הָאט פַארְקֶערְט גִיזָאגְט) וָוארְן סֶע אִיז אִים אַזוֹי אוֹיסְגִיקוּמֶען עַל פִּי חָכְמַת הַשִּׁיר.

**אוּן דֶער מֶלֶךְ** אִיז אַרוֹיף גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט (דְהַיינוּ אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס וֶוער סֶע הָאט זִיךְ גִיוָואלְט מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר הָאט גִימוּזְט אוֹיף דֶעם אָרְט אַרוֹיף קוּמֶען אוּן זָאגְן אַ שִׁיר מִיט חָכְמָה כַּנַּ"ל) אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר. ווִי זִי הָאט דֶערְהֶערְט דִי עֶרְטֶער (דְהַיינוּ דִי זִיבְּן אִירְלֵיי וַואסֶערְן) **אִיז בַּיי אִיר אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען.**

**אִיז אִיר גִיפֶעלְן** אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי **אִיר חָתְן** נָאר סֶע אִיז אִיר קָשֶׁה גִיוֶוען פַאר וָואס עֶר זָאגְט זֵיי נִיט כְּסֵדֶר לוּשְׁמִיר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט. הָאט זִי זִיךְ גִיטְרַאכְט אֶפְשֶׁר מַחְמַת דֶער חָכְמָה פוּן דֶעם שִׁיר אִיז אִים אוֹיס גִיקוּמֶען דֶער סֵדֶר. אִיז בַּיי אִיר גִיבְּלִיבְּן אִין הַארְץ **אַז דָאס אִיז עֶר אַלֵיין.**

**הָאט זִי אִים אָפְּגִישְׁרִיבְּן** אַז זִי אִיז זִיךְ מְשַׁדֵךְ מִיט אִים. אִיז גִיוָוארִין **אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה** אוּן **אַ רַעשׁ**. בַּאֲשֶׁר דִי יְפַת תּוֹאַר הָאט זִיךְ שׁוֹין גִיפוּנֶען אַ שִׁידוּךְ אוּן מְהָאט זִיךְ שׁוֹין גִירֶעכְט אוֹיף דֶער חַתוּנָה.

**דֶערְוַוייל קוּמְט אָן דֶער אַנְדֶערֶער** (דְהַיינוּ דֶער אַנְדֶער מֶלֶךְ וָואס אִים הָאט אוֹיךְ דֶער בָּחוּר אוֹיס גִיזָאגְט אַלֶע סִימָנִים אוּן נָאךְ מֶער אַ סִימָן כַּנַּ"ל) אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז אוֹיךְ גִילָאפִין אַהִין. הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט אַז זִי הָאט שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ גִיטָאן. **אוּן עֶר הָאט דְרוֹיף נִיט גִיקוּקְט.** אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט. הָאט עֶר אָבֶּער אַזַאךְ וָואס עֶר וֶועט אִיר זָאגִין. וָואס עֶר וֶועט בְּוַודְאַי פוֹעֶלִין. אִיז עֶר גִיקוּמֶען (דְהַיינוּ דֶער אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ) אוּן הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר.

**אוּן דֶער אַנְדֶערֶער** הָאט שׁוֹין מְסַדֵר גִיוֶוען דִי אַלֶע עֶרְטֶער **כְּסֵדֶר.** אוּן דֶערְצוּ הָאט עֶר גִיגִיבְּן נָאךְ **מֶער אַ סִימָן.** הָא זִי אִים גִיפְרֶעגְט פוּן וַואנֶעט וֵוייסְט דֶער עֶרְשְׁטֶער. **זָאל עֶר זָאגִין דֶעם אֶמֶת** אִיז זִיךְ פַאר אִים נִיט גוּט (דְהַיינוּ. דֶער אַנְדֶערֶער הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. עֶר קָאן אִיר נִיט אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֶמֶת אַז דֶער בָּחוּר הָאט דֶעם עֶרְשְׁטְן אוֹיסְגִיזָאגְט. וָוארְן דָאס טוֹיג זִיךְ אִים נִישְׁט אַז זִי זָאל דָאס ווִיסְן) הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְפֶערְט. עֶר וֵויסְט נִיט. (פוּן וַואנֶעט דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט גִיווּאוּסְט דִי סִימָנִים) **אִיז בַּיי אִיר דָאס אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען.**

**אוּן זִי אִיז גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין פַּארְטוּמִילְט.** וָוארִין דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיס דֶערְצֵיילְט דִי אַלֶע עֶרְטֶער. אוּן פוּן וַואנֶעט זָאל אַ מֶענְטְשׁ ווִיסִין דִי סִימָנִים. לוּשְׁמִיר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט אִיז אִיר גִיפֶעלִין אַז דֶער אַנְדֶערֶער עֶר אִיז אִיר חָתְן. וָוארִין זִי הָאט גִיזֶעהְן אַז עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט כְּסֵדֶר. אוּן דֶערְצוּ נָאךְ אַ סִימָן מֶער אוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער אֶפְשֶׁר אִיז דָאס אִים אוֹיס גִיקוּמֶען דָארְךְ דֶער חָכְמָה פוּן דֶעם שִׁיר וָואס עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי עֶרְטֶער.

**נָאר זִי אִיז שׁוֹין גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין** (כְּלוֹמֶר זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין קֵיין עֵצָה נִיט גִיקָאנְט גִיבִּין אִיז זִי גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוּן הָאט שׁוֹין מִיט קֵיינֶעם נִיט גִיוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין).

**אוּן דֶער בָּחוּר דְהַיינוּ** דֶעם בֶּערְגִירְס זוּן. ווִי דֶער אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ הָאט אִים פַּארְשִׁיקְט. הָאט עֶס אִים ווִידֶער זֵיעֶר פַּארְדְרָאסִין. אִיז עֶר גִיאַנְגֶען צוּם דְרִיטִין אוּן הָאט אִים אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט גָאר דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַּ"ל אוּן עֶר הָאט אִים נָאךְ **מֶער סִימָנִים גִיזָאגְט זֵייעֶר גוּטֶע סִימָנִים.**

**אוּן פַאר דֶעם דְרִיטִין** הָאט עֶר אוֹיס **גִירֶעט גָאר זַיין הַארְץ.** בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט גִיהַאט **אַ כְּתַב** וָואס אוֹיף דֶעם כְּתַב אִיז גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט דִי אַלֶע עֶרְטֶער (דְהַיינוּ דִי זִיבִּין אִירְלֵיי וַואסֶערִין)

**בְּכֵן** זָאל עֶר זִיךְ אוֹיס מָאלִין אוֹיף אַ פַּאפִּיר דִי אַלֶע עֶרְטֶער אוּן זָאל אִיר בְּרֶענְגֶען. אוּן דֶער דְרִיטֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ פַּארְשִׁיקְט דֶעם בָּחוּר נָאךְ וַוייטֶער צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל.

**אוּן דֶער דְרִיטֶער** אִיז אוֹיךְ גִילָאפִין אַהִין. אוּן אִיז אַהִין גִיקוּמֶען. הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט אַז סֶע אִיז שׁוֹין דָא דָא דִי צְוֵויי (דְהַיינוּ דִי צְוֵויי מְלָכִים הַנַּ"ל) הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. וָוארִין עֶר הָאט אַזוֹי אַזַאךְ וָואס עֶר וֶועט **בְּוַודְאַי פּוֹעֲלִין.**

**אוּן דִי וֶועלְט הָאט גָאר נִיט גִיוואוּסְט.** פַּארְוָואס זִי וִויל דִי דָאזִיגֶע בֶּעסֶער אֵיידֶער אַנְדֶערֶע. אוּן דֶער דְרִיטֶער אִיז אוֹיךְ אָנְגִיקוּמֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר מִיט זֵייעֶר וואוֹילֶע סִימָנִים בֶּעסֶערֶע סִימָנִים פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע.

**אוּן עֶר הָאט גִיוִויזִין** דָאס כְּתַב (דְהַיינוּ וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין נָאךְ גִימָאלְט דִי עֶרְטֶער) מִיט דִי אַלֶע עֶרְטֶער אוֹיס גִימָאלְט.

**אִיז זִי זֵייעֶר נִבְהָל גִיוָוארִין** (כְּלוֹמַר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַּארְטוּמְלְט) **נָאר** זִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גִיקֶענְט טָאן קֵיין שׁוּם זַאךְ. מַחְמַת אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטִין הָאט זִי זִיךְ אוֹיךְ גִימֵיינְט. אַז דָאס אִיז עֶר אַלֵיין. אוּן נָאךְ דֶעם אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי גִיזָאגְט אַז זִי וֶועט שׁוֹין נִיט גְלֵייבִּין בִּיז מֶע וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען אִיר **אֵייגִין כְּתַב אַלֵיין.**

**דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב** גִיוֶועזְן דֶער בָּחוּר (דְהַיינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן) בִּיז וִוי לַאנְג וֶועט מֶען עֶס אִים אַלְץ פַּארְשִׁיקְן וַוייטֶער. **הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועזְן** עֶר אַלֵיין וֶועט זִיךְ לָאזְן אַהִין. (דְהַיינוּ צוּ דֶער בַּת קֵיסָר) טָאמֶער וֶועט עֶר פּוֹעֲלְן.

**אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען. אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט עֶר הָאט אַזַאךְ. וָואס עֶר וֶועט **בְּוַודְאַי פּוֹעֲלְן.**

**אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר.** אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט נָאךְ מֶער סִימָנִים זֵייעֶר גוּטֶע סִימָנִים. אוּן עֶר הָאט זִי דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט מִיט אִיר אִין **אֵיין חֵדֶר גִילֶערְנְט.** אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע **סִימָנִים.**

**אוּן הָאט אִיר אַלְץ אוֹיס דֶערְצֵיילְט.** אַז עֶר הָאט גִישִׁיקְט דִי מְלָכִים הַנַּ"ל אוּן אַז עֶר הָאט בַּאהַאלְטְן דָאס כְּתַב אִין אַ בּוֹים. אוּן אַלְדִינְג וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן.

**אָבֶּער זִי הָאט דְרוֹיף** גָאר נִיט גִיקוּקְט. (אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי מְלָכִים הָאבְּן בְּוַודְאַי אוֹיךְ גִימוּזְט זָאגְן עֶפֶּעס טַעְמִים פַאר וָואס זֵיי הָאבְּן נִיט דָאס כְּתַב)

**אוּן צוּ דֶערְקֶענֶען אִים.** אִיז בְּוַודְאַי נִיט מֶעגְלֶעךְ. וָוארְן עֶס אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט. אוּן זִי הָאט שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט קוּקְן אוֹיף קֵיין שׁוּם סִימָנִים. **בִּיז מֶע וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען דָאס כְּתַב פוּן אִיר הַאנְט אַלֵיין.**

**וָוארִין אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטִין** הָאט זִי זִיךְ אוֹיךְ גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז עֶר בְּוַודְאַי. אוּן אַזוֹי אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין וְכוּ'

**אִיבֶּער דֶעם** הָאט זִי שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט קֵיין שׁוּם סִימָנִים וְכוּ' כַּנַּ"ל.

**אוּן דֶער בָּחוּר** (דְהַיינוּ דֶעם בֶּערְגִירְס זוּן) הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועזְן. **עֶר קָאן דָא קֵיין שְׁהָיוֹת נִיט מַאכִין** (כְּלוֹמַר עֶר קָאן דָא נִיט זָאמֶען. וָוארִין טָאמֶער וֶוערְט מֶען גִיוָואר אַז עֶר אִיז דָא וֶועט אִים דֶער קֵיסָר הַרְגִינֶען כַּנַּ"ל)

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב** גִיוֶועזְן עֶר וֶועט זִיךְ וִוידֶער אוּם קֶערִין צוּ זַיין אָרְט אִין דֶער מִדְבָּר אַרַיין וָואס עֶר אִיז פְּרִיר דָארְט גִיוֶועזְן. **אוּן דָארְט וֶועט עֶר אִיבֶּער לֶעבִּין זַיינֶע יָארִין.** אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען כְּדֵי עֶר זָאל קוּמֶען צוּ דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען צוּ דֶער מִדְבָּר הַנַּ"ל.

**דֶערְוַוייל** וִוי דָאס הָאט זִיךְ אַלְץ גִיטָאן דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועק גִיגַאנְגֶען זֵייעֶר אַסַאךְ יָארִין אוּן בַּיי דֶעם בָּחוּר אִיז גִיבְּלִיבְּן אִין דֶער דֵיעָה אַז עֶר זָאל דָארְט אַוֶועק זִיצִין אִין דֶער מִדְבָּר **אוּן עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּער לֶעבִּין זַיינֶע יָארִין.**

**וֶועדְלִיג** וִוי עֶר הָאט אָפּ גִישַׁאצְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבִּין פוּן דֶעם מֶענְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**אִיז בַּיי אִים** אָפּ גִיקְלֶערְט גִיוָוארִין אִין זַיין דֵיעָה. אַז סֶע אִיז גוּט דָא אִין דֶער מִדְבָּר אִיבֶּער צוּ לֶעבִּין זַיינֶע יָארִין אוּן עֶר אִיז דָארְט גִיזֶעסִין אוּן הָאט גִיגֶעסִין פוּן דִי פֵּירוֹת וְכוּ' כַּנַּ"ל.

## אוּן אוֹיף דֶעם יַם אִיז גִיוֶועןְ אַ רוֹצֵחַ.

**אוּן דֶער רוֹצֵחַ** הָאט גִיהֶערְט אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ יְפַת תֹּאַר אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט עֶר גִיוָואלְט זִי אוֹיף חַאפִּין. כָאטְשֶׁע עֶר הָאט זִי נִיט גִידַארְפְט. וָוארִין עֶר אִיז גִיוֶוען אַ סָרִיס. נָאר עֶר הָאט גִיוָואלְט זִי חַאפִּין כְּדֵי עֶר זָאל זִי פַארְקוֹיפִין צוּ אֵיין מֶלֶךְ וֶועט עֶר פַאר אִיר נֶעמֶען **זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט**

**אוּן דֶער רוֹצֵחַ** הָאט אָנְגִיהוֹבִּין זִיךְ צוּ פָּארֶען אִין דֶער זַאךְ (דְהַיְינוּ עֶר זָאל זִי קֶענֶען אוֹיפְחַאפְּן) אוּן אַ רוֹצֵחַ אִיז זִיךְ אַ מוּפְקָר. הָאט עֶר זִיךְ מַפְקִיר גִיוֶוען וֶועט עֶר פּוֹעֶלִין פּוֹעֶלִין. אוּן נִיט. וָואס וֶועט עֶר דָא אַיְינְשְׁטֶעלִין. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ מוּפְקָר אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן אַ רוֹצֵחַ.

**אוּן דֶער רוֹצֵחַ אִיז גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאט אָנְגִיקוֹיפְט זֵייעֶר אַסַאךְ סְחוֹרוֹת. מְשׁוּנֶה פִיל. **אוּן עֶר הָאט גִימַאכְט גִילְדִינֶע פֵייגְלִיךְ.** אוּן זֵיי זֶענֶען גִימַאכְט גִיוָוארִין מִיט מְלָאכוֹת אַז מְהָאט גִימֵיינְט זֵיי לֶעבִּין זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען נַאטִירְלִיךְ פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי לֶבֶּעדִיגֶע פֵייגְלִיךְ.

**ווִידֶער הָאט עֶר גִימַאכְט גִילְדִינֶע זַאנְגֶען.** אוּן דִי פֵייגִיל זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דִי זַאנְגֶען אוּן דָאס אַלֵיין אִיז גִיוֶוען אַ חִידוּשׁ. וָואס דִי פֵייגִיל שְׁטֵייעֶן אוֹיף דִי זַאנְגֶען אוּן דִי זַאנְגֶען וֶוערִין נִיט צוּבְּרָאכִין. וָוארִין סֶע גִיוֶוען גְרוֹיסֶע פֵייגִיל.

**אוּן עֶר הָאט ווִידֶער גִימַאכְט מְלָאכוֹת** אַז סֶע הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי פֵייגִיל שְׁפִּילִין אוּן אֵיינֶע הָאט גִיקְנַאקְט אוּן אֵיינֶע הָאט גִישְׁווִישְׁטְשִׁיט. אוּן אֵיינֶע הָאט גִיזוּנְגֶען.

**אוּן דָאס אִיז אַלְץ גִיוֶוען מִיט תַּחְבּוּלוֹת.** וָוארִין מֶענְשְׁן זֶענֶען דָארְטְן גִישְׁטַאנֶען אִין אַ חֶדֶר וָואס סֶע אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶער שִׁיף אוּן דִי מֶענְשְׁן זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי פֵייגִיל אוּן דִי מֶענְטְשְׁן הָאבִּין דָאס אַלְץ גִיטָאן. **אוּן סֶע הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי פֵייגִיל אַלֵיין שְׁפִּילִין.** וָוארִין זֵיי זֶענֶען גִימַאכְט גִיווָארִין מִיט דְרָאטְן מִיט מְלָאכוֹת הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי פֵייגִיל אַלֵיין טוּעֶן דָאס אַלְץ.

**אוּן דֶער רוֹצֵחַ אִיז גִיגַאנְגֶען** מִיט דֶעם אַלִימֶען צוּ דֶער מְדִינָה וָואס דִי בַּת קֵיסֶר הַנַּ"ל אִיז דָארְט גִיוֶוען. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס זִי אִיז דָארְט גִיוֶוען. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַנִידֶער גִישְׁטֶעלְט מִיט זַיין שִׁיף אִין יַם אוּן הָאט דִי שִׁיף גִיאַנְקֶערְט.

**אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט פַאר אֵיין גְרוֹיסְן סוֹחֵר.** פְלֶעגְט מֶען אַרַיין גֵיין צוּ אִים מִזָאל בַּיי אִים קוֹיפִין סְחוֹרוֹת טַייעֶרֶע. אוּן עֶר אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אַ צַייט אַ פֶערְטְל יָאר אוּן וַוייטֶער. אוּן מְהָאט אַלְץ גִיטְרָאגִין זֵייעֶר שֵׁיינֶע סְחוֹרוֹת וָואס מְהָאט בַּיי אִים גִיקוֹיפְט.

**הָאט דִי בַּת קֵיסֶר אוֹיךְ חֵשֶׁק** גִיהַאט בַּיי אִים צוּ קוֹיפִין סְחוֹרָה. הָאט זִי צוּ אִים גִישִׁיקְט. אַז עֶר זָאל צוּ אִיר טְרָאגִין סְחוֹרָה. הָאט עֶר צוּ אִיר אָפְּגִישִׁיקְט. עֶר בַּאדַארְף דָאס נִיט אַז עֶר זָאל טְרָאגְן סְחוֹרָה צוּם קוֹנֶה אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. **כָאטְשֶׁע זִי אִיז אַ קֵיסֶר'ס טָאכְטֶער.** וֶוער סֶע בַּאדַארְף סְחוֹרָה זָאל צוּ אִים קוּמֶען. **אוּן אַ סוֹחֵר קֶען קֵיינֶער נִיט נֵייטִין דְרוֹיף.**

**הָאט זִיךְ דִי בַּת קֵיסֶר מְיַישֵׁב גִיוֶוען** זִי וֶועט צוּ אִים גֵיין. אוּן אִיר סֵדֶר אִיז גִיוֶוען וֶוען זִי פְלֶעגְט גֵיין אִין מַארְק. פְלֶעגְט זִי זִיךְ פַאר הֶענְגֶען דָאס פָּנִים. כְּדֵי מִזָאל אוֹיף אִיר נִיט קוּקִין. וָוארִין מֶענְשְׁן וֶועלְן קֶענֶען אַנִידֶער פַאלִין אוּן חַלָשׁוֹת בְּלַייבְּן וְכוּ' מַחְמַת אִיר שֵׁיינְקֵייט כַּנַּ"ל.

**אִיז דִי בַּת קֵיסֶר גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאט זִיךְ דָאס פָּנִים פַארְהָאנְגֶען. אוּן זִי הָאט מִיט זִיךְ גִינוּמֶען אִירֶע פַּאנֶעס. אוּן אַ וַואךְ אִיז אִיר נָאךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן זִי אִיז גִיקוּמֶען צוּם דֶעם סוֹחֵר (דְהַיְינוּ צוּ דֶעם רוֹצֵחַ וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ סוֹחֵר) אוּן זִי הָאט בַּיי אִים גִיקוֹיפְט סְחוֹרוֹת. אוּן זִי אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. **הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט** (דְהַיְינוּ דֶער רוֹצֵחַ דֶער סוֹחֵר) אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ אַמָאל קוּמֶען וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזִין נָאךְ **שֶׁענֶערֶע זַאכִין דֶערְפוּן** זֵייעֶר ווֹאוֹילֶע זַאכִין אוּן זִי הָאט זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהֵיים.

**דֶערְנָאךְ אִיז זִי ווִידֶער אַמָאל גִיקוּמֶען** אוּן הָאט גִיקוֹיפְט בַּיי אִים סְחוֹרָה אוּן אִיז ווִידֶער אַהֵיים גִיגַאנְגֶען. אוּן דֶער רוֹצֵחַ אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אַ צַייט. דֶערְוַוייל אִיז **דִי בַּת קֵיסֶר שׁוֹין גִיוואוֹינְט גִיוָוארִין בַּיי אִים צוּ זַיין. זִי פְלֶעגְט אוֹפְט צוּ אִים אַרַיין צוּ גֵיין.**





דער געווינער פאר "גאר מיין זאך איז תפלה"

צייטליך שבת אינדערפרי ביים דאווענען איז

## הילד החשוב נפתלי צבי הערשלער, בית שמש

מען קען באקומען די גורל ביי בן איש חי 54 דירה 11

דער געווינער אויף די בחינות פון אמונה מיט די תפלה פון "אחד היה אברהם" איז

## הילד החשוב שמעון סטארט, בית שמש מתנה קען מען באקומען ביי ר' יואל יאראוויטש אין חדר ברסלב

# בחינה אויף ספורי מעשיות

**די צענטע מעשה (4) - פונעם בערגיר מיטן ארימאן**

**א. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר דער ערשטער קעניג?**
- ☐ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ☐ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך נישט משדך מיט אים ווייל די וואסערן זענען נישט לויטן ריכטיגן סדר
- ☐ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז ווען זי זעט די כתב אליין

**ב. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר דעם צווייטן קעניג?**
- ☐ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ☐ זי האט אים געפרעגט פון וואו ווייסט דער ערשטער קעניג
- ☐ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז ווען זי זעט די כתב אליין

**ג. וואס האט געטוהן דער זוהן פון בערגיר נאכדעם וואס דער צווייטער קיסר האט אים פארשיקט?**
- ☐ ער איז געגאנגען צו א דריטער קעניג און אים איבערגעבן די סימנים
- ☐ ער איז געגאנגען צו א דריטער קעניג און אים איבערגעגבן נאכמער סימנים
- ☐ ער איז צוריק געגאנגען צום ערשטן קעניג און אים איבערגעבן נאכמער סימנים

**ד. וואס נאך האט דער זון פון בערגיר דערציילט פאר'ן דריטן קיסר?**
- ☐ אז ער האט געהאט א כתב וואס ס'איז געווען אויסגעמאלט אלע פלעצער
- ☐ אז ער זאל זיך אויס מאלן אויף א פאפיר די זיבן וואסערן און זאל איר עס ברענגען
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר'ן דריטן קעניג וואס האט איר געוויזן די כתב וואס ער האט נאכגעמאלען די זיבן וואסערן?**
- ☐ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ☐ זי האט אים געזאגט אז זי איז שוין משודך מיט דער פריערדיגער קעניג
- ☐ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז מען וועט איר ברענגען איר אייגן כתב אליין

**ו. ווען דער זון פון בערגיר איז געקומען וואס האט אים די טאכטער פון קיסר געענטפערט?**
- ☐ אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ☐ זי האט נישט געוואלט קוקן אויף קיין סימנים ביז מ'וועט איר ברענגען די כתב פון איר האנט אליין
- ☐ זי האט אים געפרעגט פון וואו האבן די ערשטע דריי קעניג'ן געוואוסט

**ז. וואו אהין איז דער זון פון בערגיר נאכדעם געגאנגען?**
- ☐ צו מדבריות
- ☐ צו די מדבר וואס ער איז פריער דארט געווען
- ☐ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ

**ח. פארוואס האט דער רוצח געוואלט כאפן די בת קיסר?**
- ☐ כדי איר צו פארקויפן און נעמען פאר זיך די געלט
- ☐ כדי זיך מיט איר משדך זיין
- ☐ כדי איר צו הרג'ענען

**ט. וועלכן מין סארט פייגאלאך האט דער רוצח געמאכט?**
- ☐ פון גאלד
- ☐ פון קופער
- ☐ פון זילבער

**י. וואס האט געמאכט די פייגאלאך זינגען?**
- ☐ מ'האט זיי אויס געלערנט צו זינגען
- ☐ עס זענען געווען מענטשן פארשטעלט אזוי ווי פייגעלעך
- ☐ מענטשן וואס זענען געשטאנען אין א צימער אונטער דעם, האבן עס געמאכט מיט דראט

**יא. וואו האט זיך דער רוצח געשטעלט מיט זיין שיף?**
- ☐ אין טייך
- ☐ אין גרעניץ
- ☐ אין ים

**יב. האט דער רוצח מסכים געווען צו קומען פארקויפן זיין סחורה צו די בת קיסר?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ נאר די ערשטע מאל

**יג. וואס האט דער סוחר געזאגט פאר די טאכטער פון קיסר ווען זי איז געקומען קויפן סחורה?**
- ☐ אז ביים קומעדי'גע מאל וועל איך יא קומען צו דיר פארקויפן די סחורה
- ☐ אז דו ווערסט נאכאמאל קומען וועל איך דיר ווייזן נאך שענערע זאכן
- ☐ אז דו ווערסט נאכאמאל קומען וועל איך דיר פארקויפן פאר ביליגער

**יד. וויפיל מאל איז די בת קיסר אריין אין שיף פונעם רוצח?**
- ☐ צוויי מאל
- ☐ צוואנציג מאל
- ☐ זי פלעגט אפט אריין גיין

**טו. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**
- ☐ אז עס איז נישטא קיין יאוש
- ☐ נישט צו האנדלען מיט רוצחים
- ☐ ________.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

646-518-1095 1-518-329-9149

# וויכטיגע מודעה

פאר אלע קינדער וואס האבן זיך איינגעשריבן אין מתמידים והודעתם לבניך
עס ווארט אייך אפ אין פאסט א קונטרס צו קענען אנהייבן בעזר השם די מתמידים
מיט א חשק קומענדיגן זונטאג פרשת חיי שרה.




אויב די קונטרס איז נאכנישט
אנגעקומען לאז איבער א מעסעדש
אין טעלעפאן ליין 1-518-329-9227
ארץ ישראל 073-3517202
די נומער אין לאנדאן האט זיך געטוישט די נייע נומער איז: 02037697807